**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/30/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט נייע "I LOVE NY" טוריזם קאמפיין בשותפות מיט NEW YORK YANKEES און מיט NEW YORK METS אויפן טאג פון עפענונג

***נייער קאמפיין וועט באשיינען ניו יארק'ס בעיסבאל היסטאריע און וועט מוטיגן אנהענגער צו פלאנירן אן אויספלוג ארום בעיסבאל***

***אטראקציעס און געשעענישן פארגעשטעלט אויף [iloveny.com/baseball](iloveny.com/baseball)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א נייע רייזע און טוריזם קאמפיין אין א שותפות צווישן ' I LOVE NY' (איך האב ליב ניו יארק), די New York Yankees און די New York Mets, פייערנדיג די אנהויב פון די 2023 מעידזשאר ליגע בעיסבאל סעזאן. שילדן פון I LOVE NY וועלן אויפגעהאנגען ווערן אין די Yankee סטאדיום און אין Citi Field דעם סעזאן, און עס וועט אויך זיין זעהבאר דורך די טעלעוויזיע ווען די שפילן ווערן אויפגעשפילט. די שילדן, צוזאמען מיט די דיגיטאלע און סאָושעל מידיע באמיאונגען, וועלן מוטיגן ספארטס אנהענגער צו באזוכן [iloveny.com/baseball](iloveny.com/baseball) און פלאנירן אן אויספלוג ארום ניו יארק סטעיט בעיסבאל. ניו יארק איז א העכסט פאסיגע דעסטינאציע פאר בעיסבאל אנהענגער, און דער קאמפיין וועט ארויסווייזן אלעס וואס איז דא צו זעהן און טוהן פאר ספארטס אנהענגער אין יעדע עלטער.

"עס איז נישטא נאך עפעס וואס ברענגט די בשורה אז פרילינג איז דא אין ניו יארק ווי די טאג פון עפענונג פאר די שפילן, און מיר זענען באגייסטערט צו ענטפאנגען באזיכער, ספארטס אנהענגער און ביישוויער פון ארום די גאנצע וועלט צו זיין א חלק פון אונזער סטעיט'ס בעיסבאל היסטאריע," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי די Bronx Bombers און די Amazin' Mets נעמען איבער די שפיל פעלד דעם סעזאן, זענען מיר שטאלץ צו ארבעטן היינט ביי היינט מיט ניו יארק'ס מעידזשאר ליגע טיעמס און העלפן אנהענגער אריינגעמען אונזער סטעיט'ס בעיסבאל היסטאריע, טראדיציע און קולטור. א דאנק די דינאמישע I LOVE NY שותפות, וועלן מיר זיכער מאכן אז טוריזם אין ניו יארק זעצט פאר צו זיין א 'האָום ראַן'."

בעיסבאל האט א רייכע היסטאריע אין ניו יארק: עס איז די אפיציעלע סטעיט ספארט און היים צו די נאציאנאלע בעיסבאל האָל אָוו פעים און מוזעאום אין קופּערסטאַון. די האָל אָוו פעים'ס יערליכע 'אינדאַקשען וויקענד' ענטפאנגט צענדליגע טויזנטע ספארטס אנהענגער יעדע זומער. ניו יארק איז די פלאץ וואו דזשעקי ראבינסאן איז געווען דער ערשטער טונקל-הויטיגער שפילער אין אפריל 1947, און די נייע דזשעקי ראבינסאן מוזעאום אין לאָווער מאנהעטען באעהרט זיינע עררייכונגען אויף די שפיל פעלד און אינדרויסן דערפון.

בעיסבאל איז אויך אן עקאנאמישע כוח פאר קאמיוניטיס אריבער די סטעיט. מילאנען ספארטס אנהענגער פון ארום די וועלט פארן צו קווינס און די בראנקס יעדע סעזאן צו זעהן די Mets און די

Yankees. ניו יארק האט זעקס מיינאר ליגע בעיסבאל טיעמס פון באפעלאו ביז ברוקלין, און אכט אומאפהעניגע ליגע קלאָבס. צאללאזע יונגווארג בעיסבאל און סאָפטבאל ליגעס, טיעמס און פארמעסטן ברענגען פאמיליעס פון אריבער ניו יארק און די צפון-מזרח דורכאויס די זומער בעיסבאל סעזאן, פלאנצנדיג די קערלעך פאר די קומענדיגע דור פון מעידזשאר ליגעס.

**New York Mets אייגנטומער, טשעירמאן און CEO, סטיוו קאָוהען, האט געזאגט,** "ניו יארק איז נישט בלויז א בעיסבאל שטאט, עס איז א בעיסבאל סטעיט. די אייפער, געטריישאפט און שטאלץ וואס ניו יארקער ווייזן ארויס דורכאויס די גאנצע סעזאן זענען א גרויסע חלק פון וואס מאכט ניו יארקער פאר די בעסטע פלאץ אין די וועלט. מיר זענען אזוי באגייסטערט איבער די אנהויב פון די סעזאן. בעיסבאל און ניו יארק סטעיט זענען אין שוואונג."

**New York Yankees פרעזידענט רענדי לעווין האט געזאגט,** "די Yankees שטאלצירן זיך גאר מיטן דינען אלץ שליחים פאר ניו יארק סטעיט און באגרוסן באזיכער פון אלע 50 סטעיטס און פון ארום די וועלט. אזוי ווי בעיסבאל אנהענגער ווייסן, איז נישטא גארנישט וואס קען זיך באמת פארגלייכן צו קוקן א שפיל אין די Yankee סטאדיום, א זאך וואס באעהרט די פארגאנגענהייט און פייערט די געגנווארט אין די זעלבע צייט. אזא גרויסע חלק פון די הצלחה פון אונזער טיעם איז געווען א דירעקטע רעזולטאט פון די באגייסטערנדע אטמאספערע וואס אונזערע אנהענגער גיבן ביי יעדע איינציגסטע שפיל, און מיר זענען אנטשלאסן צו בארייכערן די ערפארונג פאר יעדער מענטש וואס קומט אריין אין אונזערע טירן. אזוי ווי מיר לאזן זיך אריין אין די 2023 בעיסבאל סעזאן, זענען מיר באזונדערס שטאלץ צו פארזעצן די באמיאונגען בשותפות מיט די I LOVE NY איניציאטיוו, ווייל דאס איז גענוי וויאזוי מיר פילן איבער אונזער היים סטעיט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "בעיסבאל מיינט ביזנעס פאר ניו יארק, אזוי ווי עס ברענגט באזיכער פון ארום די וועלט צו די סטעיט צו פייערן די שפיל וואס זיי האבן ליב. די נייע שותפות מיט די Yankees און מיט די Mets וועט העלפן ארויסווייזן די ספעציעלע באציאונגען צווישן ניו יארק און אונזער נאציאנאלע אטראקציע – די לעגענדארע לאקאציעס, מאנומענטאלע געשעענישן און אנגייענדע היסטאריע – וואס לייגט ארויף די עמפייער סטעיט אויף א ליגע פאר זיך."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט וויצע פרעזידענט און עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון טוריזם, ראס ד. לעווי, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט איז א חלום פון א דעסטינאציע פאר יעדן בעיסבאל אנהענגער, אנגעהויבן פון מיינאר ליגע טיעמס אריבער די סטעיט ביז די Yankee סטאדיום און Citi Field אין ניו יארק סיטי, און ביז די נאציאנאלע בעיסבאל האָל אָוו פעים און מוזעאום אין קופערסטאון — א הויכפונקט אויף יעדע בעיסבאל אטראקציע ליסטע. I LOVE NY באגרוסט די אנהויב פון בעיסבאל סעזאן און איז שטאלץ צו אריינגיין אין א שותפות מיט די סטעיט'ס מעידזשאר ליגע טיעמס צו פארשפרייטן די שמועה איבער ניו יארק סטעיט אלץ די אולטימאטיווע בעיסבאל דעסטינאציע. מיר מוטיגן אנהענגער פון ארומו די וועלט צו פלאנירן אן עמפייער סטעיט בעיסבאל וואקאציע און טרעפן וואס זיי האבן ליב דעם זומער."

טוריזם און רייזע זענען קריטיש פאר ניו יארק סטעיט'ס עקאנאמיע. אין 2021, האט די אינדוסטריע אויפגעטריבן 85.5 ביליאן דאלאר אין עקאנאמישע השפעה. די טוריזם און די גאסטפריינדלעכקייט סעקטאר איז דער סטעיטס דריטע גרעסטע אינדוסטריע, וואס שטיצט איינס אין 10 פריוואטע סעקטאר פאסטנס. סטעיט און לאקאלע שטייערן וועלכע זענען אפגענומען געווארן דורך טוריזם האבן איינגעשפארט פאר יעדע הויזגעזונד אין די סטעיט מער פון $1,000 יערליך.

**איבער ניו יארק סטעיט**

ניו יארק סטעיט איז א פרעמיע וואקאציע פאַרציל מיט ערשט-קלאסישע אטראקציעס, בילדערישע נאטירלעכע שיינקייט, לאקאלע מקור מאכלים, און א בליענדיגע געניטע געטראנק סצענע, אן אויסוואל פון געלעגערס, און איקאנישע, גאנציאריגע פעסטיוואלן און געשעענישן. ס'איז 11 פארשידענע וואקאציע ראיאנען וואס צייגט טייל פון דער וועלטס בעסטע ביטשעס, צוויי פון אמעריקע'ס הויפט דריי באליבסטע סטעיט פארקס; אטעם-פארכאפנדיגע ניאגארא פאלס; מער סקי ערטער פון אלע אנדערע סטעיטס; איינע פון דעם לאנדס לענגסטע בלעטערווארג סעזאן; עטלעכע כבוד גאלעריעס; צפון אמעריקעס לענגסטע, שנעלסטע און העכסטע זיפליין (פארן אויף א דראט); דער גרעסטער פובליק געשיצטע ארט אין דער קאנטינענטאל US; און דאס לאנדס לענגסטע מולטי-באניץ סטעזשקע. לייג צו דער סטעיט׳ס מוזעאומס, היסטארישע מערקפונקטן, קולטורעלע ערטער, באַחנ׳טע קליינע שטעטעלעך און גרויס-שטאטישע שפיל פלעצער, און עס איז קיין וואונדער נישט אז ניו יארק ווערט אויף א כסדר׳דיגן אופן אויסגעוועלט אלס א העכסט-ראנקירטע וואקאציע ארט דורך רייזע אויסגאבעס און מבינים. צו העלפן פלאנירן אייער קומענדיגע ניו יארק סטעיט וואקאציע, באזוכט [www.iloveny.com](http://www.iloveny.com).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

[זיך ארויסשרייבן]()